תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל

## מסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

בעזהשי"ת

# יום כיפור




**געקליבענע מעשיות פון צדיקים**
**איבער דעם יום הקדוש**

# כתה ב'

**המלמד:** הר"ר **יוסף צבי מאראקאוויטש** הי"ו

# די מעשה פון
# יונה הנביא

**יוֹם כִּיפּוּר בַּיי מִנְחָה לֵיינְט מֶען**
**דִי הַפְּטוֹרָה פוּן יוֹנָה הַנָּבִיא**

**דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט "נִינְוֵה" הָאבְּן גֶעטוּהְן זֵייעֶר אַסאךְ עֲבֵרוֹת, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן פַאר יוֹנָה הַנָּבִיא עֶר זָאל גֵיין אִין דִי שְׁטָאט "נִינְוֵה" אוּן עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז אוֹיב דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועט זֵייעֶר שְׁטָאט חָרוּב וֶוערְן נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג.**



יונה הנביא לויפט אוועק פון ארץ ישראל

יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ דִי גוֹיִם וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועלְן דִי מַלְאָכִים אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְ׳ס אוֹיף דִי אִידְן.

דִי מַלְאָכִים וֶועלְן זָאגְן אַז דִי גוֹיִם טוּהֶען תְּשׁוּבָה אוּן דִי אִידְן טוּהֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט תְּשׁוּבָה, וֶועגְן דֶעם אִיז יוֹנָה הַנָּבִיא אַנְטְלָאפְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים.

יוֹנָה הַנָּבִיא אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בְּרֶעג יַם, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיף וָואס גֵייט פָּארְן צוּ דִי שְׁטָאט "תַּרְשִׁישׁ", הָאט יוֹנָה הַנָּבִיא בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט אַז דִי שִׁיף זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְפָּארְן מִיט אִים צוּזַאמֶען קַיין תַּרְשִׁישׁ.

וֶוען דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן יַם, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ׳ן יַם, דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שָׁאקְלֶען אוּן וַוארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק.

עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָוארְפְן אַז סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז דִי שִׁיף זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְטְרִינְקֶען.

אַלֶע גוֹיִם הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ דַאוֶונֶען אוּן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ זַייעֶרֶע גֶעטְשְׁקֶעס, אָבֶּער עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.



ער צאלט געלט ער זאל קענען ארויפגיין אויף די שיף



די שיף שאקלט זיך פון די שרעקליכע שטורעם ווינט

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שִׁיף הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שִׁיף אַלֶע שְׁוֶוערֶע רֶענְצְלֶעךְ מִיט דִי אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן כְּדֵי צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן דִי שִׁיף אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

וֶוען יוֹנָה הַנָבִיא הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם גַאנְצְן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וָואס עֶס טוּהְט זִיךְ אוֹיף דִי שִׁיף אִיז עֶר אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע ווִינְקְל אִין דִי שִׁיף אוּן עֶר אִיז דָארְט אַייְנְגֶעשְׁלָאפְן.

וֶוען דֶער שִׁיף׳ס קַאפִּיטַאן הָאט אִים בַּאמֶערְקְט שְׁלָאפְן׳דִיג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ יוֹנָה: ״וָואס שְׁלָאפְסְטוּ? שְׁטֵיי אוֹיף אוּן דַאוֶוען צוּ דַיין גָאט אַז דִי שְׁטוּרֶעם ווִינְט זָאל זִיךְ אוֹיפְהֶערְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן חָלִילָה נִישְׁט שְׁטַארְבְּן״.

דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ הַגְרָלָה צוּ זֶעהְן וֶועגְן וֶועמֶענְס שׁוּלְד אִיז גֶעוָוארְן דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט, מְ׳הָאט אַרַייְנְגֶעלֵייגְט אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפִינֶען אוֹיף דִי שִׁיף, אִין דִי גוֹרָל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער נָאמֶען ״יוֹנָה״.

הָאבְּן אַלֶע גוֹיִם גֶעפְרֶעגְט פַאר יוֹנָה: ״פוּן וואוּ קוּמְסְטוּ? פַארְוָואס בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג?״ הָאט זֵיי יוֹנָה הַנָבִיא דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אַנְטְלוֹיפְט יֶעצְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֵיין וואוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט.



די מענטשן פון די שיף בעטן פאר יונה ער זאל דאווענען צום באשעפער



מען מאכט דעם גורל און עס קומט אויס אז יונה הנביא איז שולדיג

הָאבְּן דִי גוֹיִם אִים גֶעפְּרֶעגְט: "וָואס זָאלְן מִיר טוּהְן צוּ אָפְּהַאלְטְן דֶעם שְׁטוּרֶעם?" הָאט יוֹנָה הַנָבִיא גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין יַם דֶעמָאלְט'ס וֶועט זִיךְ דֶער יַם בַּארוּאִיגְן.

הָאבְּן דִי גוֹיִם גֶעוָואלְט צוּרִיק פָאַרְן צוּם בְּרֶעג יַם אוּן דָארְט אַרָאפּ לֵייגְן יוֹנָה הַנָבִיא אָבֶּער דֶער שְׁטוּרֶעם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּפָארְן בִּיז צוּם בְּרֶעג יַם.

הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען יוֹנָה הַנָבִיא אוּן אִים צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אַ שְׁטְרִיק אוּן אִים אַרוֹיס גֶעלֵייגְט פוּן דִי שִׁיף, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן יוֹנָה הַנָבִיא אִין יַם, אוּן דֶער שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ גְלַייךְ בַּארוּאִיגְט.

וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט הָאבְּן זֵיי צוּרִיק אַרוֹיף גֶעצוֹיגְן יוֹנָה הַנָבִיא אוֹיף דִי שִׁיף, אָבֶּער וִוי נָאר יוֹנָה הַנָבִיא אִיז צוּרִיק גֶעוֶוען אוֹיף דִי שִׁיף הָאט דֶער שְׁטוּרֶעם זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנַייט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף גֶעזֶעהְן אַז יוֹנָה הַנָבִיא אִיז דֶער וָואס אִיז שׁוּלְדִיג אִינֶעם גְרוֹיסְן שְׁטוּרֶעם, הָאבְּן זֵיי אִים

אַרײַנְגֶעוָוארְפְּן אִין יַם, אוּן דִי שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ בַּאלְד אוֹיפְגֶעהֶערְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶע פִּישׁ וָואס הָאט אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען יוֹנָה הַנָּבִיא אִין אִיר בּוֹיךְ. דְרֵיי טֶעג אוּן דְרֵיי נֶעכְט אִיז יוֹנָה הַנָּבִיא גֶעוֶוען אִין דִי בּוֹיךְ פוּן דִי פִּישׁ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר יוֹנָה הַנָּבִיא אִין דִי דְרֵיי טֶעג אוּן דְרֵיי נֶעכְט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּן דִי בּוֹיךְ פוּן דִי פִּישׁ צוּ עֶסְן מָן.

יוֹנָה הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: ”רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי סַכָּנָה, אוּן אִיךְ וֶועל גְלַייךְ גֵיין צוּ דִי שְׁטָאט נִינְוֵה, זָאגְן פַאר דִי גוֹיִם זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּהְן...”

עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ וֶועט עֶר מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת וֶוען עֶר וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן”

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט דִי תְּפִלָּה פוּן יוֹנָה הַנָּבִיא, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי פִּישׁ זָאל אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן יוֹנָה הַנָּבִיא, הָאט דִי פִּישׁ אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפֵּיי אוֹיס אוֹיף דֶעם בְּרֶעג יַם.




יונה הנביא טוט תשובה אין די בויך פון די פיש



די פיש שפייט אויס יונה הנביא אויף די ברעג פונעם ים

יוֹנָה הַנָּבִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שְׁטָאט נִינְוֵה אַזוֹי וְוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אִין דִי גַאסְן פוּן דִי שְׁטָאט נִינְוֵה הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן: "נָאךְ פֶּערְצִיג טֶעג אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועט דִי שְׁטָאט חָרוּב וֶוערְן".

אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט פַאר יוֹנָה הַנָּבִיא, אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אוּן שְׁטָאט אַז אֲפִילוּ דֶער קֶענִיג הָאט דֶערְפוּן גֶעהֶערְט.

דֶער קֶענִיג אִיז אַרָאפּ פוּן זַיין קֶענִיגְ'לִיכְן בֶּענְקל, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעטָאן דִי קְרוֹין פוּן זַיין קָאפּ אוּן זַיינֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט אַש אוֹיף זַיין קָאפּ אוּן זִיךְ אָנְגֶעטָאן אַ זַאק, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי עֶרְד.

דֶער קֶענִיג הָאט בַּאפוֹילְן אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוּן קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אָנְטָאן זֶעק אוּן פַאסְטְן דְרֵיי טֶעג אוּן גָאר שְׁטַארְק תְּשׁוּבָה טוּהְן, אַזוֹי וֶועט מֶען אֶפְשָׁר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי גְזֵירָה.

אַלֶע הָאבְּן טַאקֶע אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דֶעם קֶענִיג'ס רֵייד, זֵיי הָאבְּן גֶעפַאסְט אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטָאן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגַנְבֶ'עט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵויטְן.




דער קעניג זעצט זיך אראפ אויף די ערד מיט א זאַק און אש




די גוים פון די שטאט נינוה געבן צוריק אלעס וואס זיי האבן גע'גנב'עט

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעקוּקְט צוּ זֵייעֶר תְּשׁוּבָה, אוּן הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען, אוּן מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי גְזֵרָה אַז דִי שְׁטָאט דַארְף חָרוּב וֶוערְן.

וֶוען יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי גוֹיִם הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי גְזֵרָה, אוּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֵייט נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט, הָאט אִים דָאס וֵויי גֶעטוּהְן.

וַוייל יֶעצְט וֶועט מֶען זָאגְן אַז יוֹנָה הַנָּבִיא אִיז אַ פַאלְשֶׁער נָבִיא, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט אוּן סְ'אִיז בִּכְלָל נִישְׁט אֱמֶת, דִי שְׁטָאט וֶוערְט נִישְׁט חָרוּב.

הָאט יוֹנָה הַנָּבִיא גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל נִפְטַר וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן יוֹנָה הַנָּבִיא אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶער אַ קְלֵיינֶע סוּכָּה'לֶע דִי זוּן זָאל נִישְׁט שַׁיינֶען אוֹיף אִים.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ סָארְט בּוֹים מִיט גְרוֹיסֶע בְּלֶעטֶער אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ שָׁאטְן אוֹיף יוֹנָה הַנָּבִיא, אוּן יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם בּוֹים.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַרַיין אַ קְלֵיין וֶוערֶעם אִין דִי בּוֹים אוּן הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי בּוֹים פוּן אִינְעֲוֵוייניג אוּן סְ'אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן דִי בּוֹים, וֶוען יוֹנָה הָאט דָאס גֶעזֶעהְן הָאט אִים דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן אַז אַ בּוֹים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דָאס וִויל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַז וֶוען אַ בּוֹים פַאלְט אַרָאפּ טוּט דִיר וֵויי אַז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב בַּאשַׁאפְן וֶוערְט חָרוּב, אִיז אַוַודַאי וֶוען מֶען צוּבְּרֶעכְט אוּן מֶען מַאכְט חָרוּב אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט דַארְף דִיר דָאס וֵויי טוּהְן.

אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נִינְוֵה הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מֶען וֶועט זָאגְן אַז דִי בִּיזְט אַ פַאלְשֶׁער נָבִיא.




יונה הנביא זיצט אינטער די סוכה'לע און די בוים וואס ס'איז געוואקסן



פאר יונה האט זייער וויי געטוהן אז די בוים איז אראפ געפאלן

# דֶער פְּרִיץ בַּעַל תְּשׁוּבָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס אִיז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעוֶוען נָע וְנָד, עֶר הָאט זִיךְ אֲרוּם גֶעדְרֵייט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטָאן אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים לְשֵׁם שָׁמַיִם, פַאר׳ן כָבוֹד פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִקָר הָאט עֶר גֶעטוּהְן אִין זַיין לֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים אַרוֹיס נֶעמֶען אִידְן פוּן תְּפִיסָה, אוּן הַצָלַת נְפָשׁוֹת רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע מֶענְטְשְׁן.

אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין נִישְׁט אַ אִידִישְׁן שְׁטֶעטְ׳ל, אוּן עֶר הָאט אֲפִילוּ קַיין מִנְיָן נִישְׁט גֶעהַאט בַּיים דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלָאזְט.

אֲפִילוּ ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע קֶעלְט, הָאט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעמָאל צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ מִנְיָן וואו עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען עֶר זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען אֵייבִּיג מִיט מִנְיָן.

אַמָאל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר זַייֶענְדִיג אִין וֶועג הָאט פְּלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטַארְקֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶער רֶעגְן, וֶועלְכֶע הָאט פַארְפְּלֵייצְט דִי וֶועגְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פְּלָאג צוּ זִיךְ אַרַיינְשְׁלֶעפְּן בִּיז צוּם דָארְף וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט דֶערְנֶעבְּן, עֶנְדְלִיךְ נָאךְ גְרוֹיסֶע שְׁוֶועְרֶע׳קֵייטְן הָאט זִיךְ רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה׳ס צוּגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דָארְף אַרַיין.

עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶס זֶענֶען דָא אַכְט אִידְן אִין דָארְף צוּ מִנְיָן צוּ כָּל נִדְרֵי אוּן עֶס דַארְפְן קוּמֶען נָאךְ צְוֵויי אִידְן וָואס וואוֹינֶען אִין וַואלְד דֶעמָאלְטְס וֶועלְן זֵיי זֵיין צוּזַאמֶען צֶען וֶועט זֵיין אַ מִנְיָן.

רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר וֶועט הָאבְן אַ מִנְיָן אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט צוּם יוֹם הַקָּדוֹשׁ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם טַייךְ זִיךְ טוֹבְלֶ'ען אוּן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה הַמַפְסֶקֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּהל עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיסֶע כַּוָנוֹת דִי תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר "כָּל נִדְרֵי".

וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן כָּל נִדְרֵי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעווִיזְן אַז מִיט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס אִיז דָא נָאר נֵיין אִידְן, דִי צְוֵויי אִידְן וָואס וואוֹינֶען אִין וַואלְד זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס זָאל הָאבְן אַ מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט דִי צְוֵויי אִידְן פוּן וַואלְד אִין תְּפִיסָה פּוּנְקְט עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר וֶועגְן עֶפֶּעס אַ בִּלְבּוּל וָואס דִי גוֹיִם פוּן זֵייעֶר גֶעגְנְט הָאבְן זִיךְ אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף זֵיי.

פְרֶעגְט רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אִין דָארְף: "אֶפְשָׁר אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען נָאךְ אֵיין אִיד דָא אִין גֶעגְנְט", הָאבְן דִי דָארְף מֶענְטְשְׁן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט צַעַר: "אוֹיסֶער אוּנְז וואוֹינֶען דָא נִישְׁט נָאךְ אִידְן".

פְּרֶעגְט עֶר זֵיי: ״אֶפְשָׁר גֶעפִינְט זִיךְ אַ אִיד – אַ מוּמָר וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְ'ט – אִין דֶעם דָארְף אָדֶער גֶעגְנְט וָואס מֶען קֶען אִים אַהֶער רוּפְן?״, פְּרֶעגְן זֵיי מִיט וְואוּנְדֶער: ״אַ גֶע'שְׁמַדְ'טֶער אִיד?״, ״מִיט אַזַא אֵיינֶעם מֶעג מֶען דַאוֶוענֶען בִּכְלָל?״.

זָאגְט זֵיי רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס: ״דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל זֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁלָאסְן אֲפִילוּ פַאר אַ גֶע'שְׁמַדְ'טֶער אִיד, דֶערְאִיבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַזַא אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אִים עֶר זָאל קוּמֶען דָא מַשְׁלִים זַיין אוּנְזֶער מִנְיָן״.

״יָא״, רוּפְט זִיךְ אָן אֵיינֶער אוּן זָאגְט: ״דֶער פָּרִיץ פוּן דֶעם דָארְף אִיז אַ מְשֻׁמָּד״, הָאבְּן זִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אָנְגֶערוּפְן: ״שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר וָואס עֶר אִיז אָפְּגֶע'שְׁמַד'ט ר״ל אוּן עֶר אִיז פַארְזִינְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אִידְן, פַארְקֶערְט עֶר טְרָאגְט אַ שִׂנְאָה אוֹיף דִי אִידְן.

״עֶר הָאט חֲתֻנָּה גֶעהַאט מִיטְ'ן פַארְשְׁטָארְבֶּענֶעם פָּרִיץ'ס אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער, אוּן דֶער פָּרִיץ הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁמַד'ן וֶועט עֶר בְּלֵייבְּן זַיין אֵיינְצִיגֶער יוֹרֵשׁ״.

פְּרֶעגְט זֵיי ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס: ״הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעהַאט מִיט אִיר קִינְדֶער?״, ״נֵיין״ – עֶנְטְפֶערְן דִי אִידְן – ״דִי פְּרוֹי אִיז נָאךְ מִיט אֵייניגֶע יָאר צוּרִיק גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶר אִיז הַיינְט אַיינְזַאם אַלֵיין״.

״וֶועער וִויל מִיר וַוייזְן וְואוּ זַיין פַּאלַאץ אִיז?״ פְּרֶעגְט ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס בֵּיי דִי דֶערְשְׁרָאקֶענֶע אִידְן, אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן

הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען וַוייזְן וִוי דֶער פָּרִיץ הָאט זַיין טַייֶערֶע פַּאלַאץ.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פַּאלַאץ הָאט דֶער אִיד זִיךְ גְלֵייך אוֹיסְגֶעדְרֵייט מוֹרָא הָאבְּנְדִיג פוּנֶעם פָּרִיץ, אָבֶער ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דִי טַלִית מִיט דִי קִיטְל אוּן מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט אִיז עֶר אַרַיין אִין פַּאלַאץ.

עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אִין דִי טִיר, אוּן נִישְׁט וַוארְטְנְדִיג אַז מֶען זָאל אִים עֶפֶענֶען דִי טִיר אִיז עֶר שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן דֶעם פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעקוּקְט מִיט גְרוֹיס כַּעַס אוֹיף דֶעם אִיד פַאר זַיין חֲצְפָּה אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, זֶעהֶענְדִיג דֶעם הַדְרַת פָּנִים פוּן דֶעם אִיד, אִיז זַיין הַארְץ וֵוייכֶער גֶעוָוארְן.

ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ רֶעדְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״מַיין נָאמֶען אִיז לֵייבּ שָׂרָה׳ס, אִיךְ הָאבּ נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס פִּיל ״פְּרִיצִים״ הָאבְּן אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטְן אוּן זִיךְ בַּאצוֹיגְן צוּ אִים וִוי אַ גֶעטְלִיכֶער מַאן״.

דֶער פָּרִיץ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַארְגַאפְּט אוּן גֶעפִילְט אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן, ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: ״מַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶע פְרוֹי אֵיינְמָאל הָאט אַ גוֹי אַ פָּרִיץ׳ס אַ זוּן גֶעוָואלְט חֲתֻנָּה הָאבְּן מִיט אִיר רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער פָּרִיץ׳ס זוּן עֶר הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַסַאךְ גֶעלְט אָבֶער זִי הָאט מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם גֶעוֶוען אוּן כְּדֵי צוּ נִצּוֹל וֶוערְן הָאט זִי חֲתֻנָּה גֶעהַאט מִיט אַן אַלְטְן אִיד אַן אָרִימֶער מְלַמֵּד.

"אָבֶער דו פָּרִיץ בִּיסְט נִישְׁט בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן, צוּלִיבּ דֶעם הָאסְטוּ זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט! אָבֶער ווִיסְן זָאלְסְטוּ הֶער פָּרִיץ "אֵין לְךָ דָּבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הַתְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ – "וְיֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת", אַ מֶענְטְשׁ קֶען בַּאקוּמֶען גַּן עֵדֶן אִין אֵיין שָׁעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס זָאגְט וַוייטֶער "הַיינְט אָוְונְט אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג אִין יָאר – יוֹם כִּפּוּר, און נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט שׁוֹין דִי זוּן אוּנְטֶער, דִי אִידְן וָואס זִיצְן דָא אִין דָארְף וַוארְטְן אוֹיף אַ מִנְיָן עֶס פֶעלְט זֵיי אַ צֶענְטֶער.

דֶער אִיבֶּער פָּאלְג מִיר און קוּם מִיט מִיר מַשְׁלִים זַיין צוּ מִנְיָן, דִי תּוֹרָה זָאגְט "הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה קֹדֶשׁ לְהַשֵּׁם" דֶער צֶענְטֶער אִיז הֵיילִיג פַּאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ צוּרִיק אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי קְדֻשָּׁה". הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער אִיז דֶער פָּרִיץ גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּלַאס און שְׁטַארְק צוּמִישְׁט.

דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין דִי נַאכְט צוּגֶעפַאלְן דִי אִידְן אִין שׁוּהל זֶענֶען גֶעזֶעסְן מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, קְלֶערְנְדִיג וֶוער וֵוייסְט וָואסְפַארַא צָרָה דֶער פְרֶעמְדֶער אִיד הָאט אוּנְז אָנְגֶעמַאכְט דָא, עֶר גֵייט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִיטְן פָּרִיץ, אַ רָשָׁע וָואס טֵיילְט אוֹיס צָרוֹת פַאר אִידְן.

פְּלוּצְלוּנְג עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר פוּן שׁוּהל, דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען וַוייס ווִי קַאלַאך, נָאךְ אִים אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער "פָּרִיץ" מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע אוֹיגְן, נִישְׁט קוּקְנְדִיג צוּ קֵיינֶעם, ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט גֶעגֶעבְּן אַ ווּאוּנְק צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי אִידְן מֶען זָאל גֶעבְּן דֶעם פָּרִיץ אַ טַלִּית מִיט אַ מַחְזוֹר.

נָאכְדֶעם אִיז ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס אַלֵיין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען צְוֵויי סִפְרֵי תּוֹרוֹת, אֵיינְס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַּאר אֵיינֶעם פוּן דִי אַלְטֶע אִידְן פוּן שׁוּל אוּן דִי צְוֵוייטֶע הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַּארְ'ן "פָּרִיץ".

מִיט דֶעם בַּאוואוּסְטְן טְרוֹיעֶר'דִיגְן נִיגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן "עַל דַעַת הַמָּקוֹם וְעַל דַעַת הַקָּהָל אָנוּ מַתִּירִים לְהִתְפַּלֵל עִם הָעֲבַרְיָנִים..." אִין אַזוֹי וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה "כָּל נִדְרֵי".

אַ טִיפֶער הוֹיכֶער זִיפְץ פוּן טִיפְן הַארְצְן הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט פוּן פָּרִיץ, דָאס הָאט אוֹיפְגֶעצִיטֶערְט דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מִתְפַּלְלִים אוּן ס'הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ יָאמֶערְלִיךְ גֶעוֵויין בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן מַעֲרִיב.

צוּמָארְגְנְ'ס פוּן אַשְׁמֹרֶת הַבֹּקֶר אִיז דֶער פָּרִיץ גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי פִּיס, אַיינְגֶעבּוֹיגְן, צוּבְּרָאכְן אוּן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן פוּן וֵויינֶען, אַלֶע מִתְפַּלְלִים זֶענֶען שְׁטַארְק גֶערִירְט גֶעוָוארְן.

דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעזָאגְט אַלֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דִי פִּיוּטִים מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, סְפֶּעצִיֶעל הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט זַיינֶע טִיפֶע זִיפְצְן בִּשְׁעַת'ן זָאגְן דֶעם וִדּוּי, בֵּיי יֶעדְן קְלַאפּ "עַל חֵטְא" הָאט עֶר שְׁטַארְק פַארְפִירְט מִיט יָאמֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת.

בַּיים סוֹף פוּן תְּפִילַת נְעִילָה וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" הָאט דֶער פָּרִיץ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם קָאפּ אִין אָרוֹן קוֹדֶשׁ מִיט צִיטֶערְדִיגֶע הֶענְט הָאט עֶר גֶעקוּשְׁט דִי סִפְרֵי תּוֹרָה אוּן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכְן הוֹיכְן קוֹל וָואס הָאט עֶרְשִׁיטֶערְט אַלֶע מִתְפַּלְלִים הָאט עֶר אַ שְׁרֵיי גֶעגֶעבְּן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלוֹקֵינוּ ה' אֶחָד".

פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קָאפּ פוּן אָרוֹן קֹדֶשׁ אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ אַ שְׁרַיי גֶעגֶעבְּן "ה' הוּא הָאֱלֹקִים" זִיבְּן מָאל מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, יֶעדֶעס מָאל אִיז זַיין קוֹל גֶעוָוארְן הֶעכֶער, וֶוען עֶר הָאט אַ שְׁרַיי גֶעגֶעבְּן דָאס זִיבֶּעטֶע מָאל אִיז זַיין נְשָׁמָה אַרוֹיס בֵּיי "הָאֱלֹקִים", אוּן עֶר אִיז אַנִידֶער גֶעפַאלְן אַ טוֹיטֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן.

צוּ מַעֲרִיב אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִנְיָן אוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט גֶעזָאגְט: "וואוֹיל אִיז אִים וָואס זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס בֵּיי אֱלֹקִים, אִיצְט גֶעהֶערְט עֶר צוּ דִי צַדִיקִים, אִין הִימְל הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט וַוייטֶער קַאלְיֶע וֶוערְן הָאט מֶען אִים צוּגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט".

ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי: "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" אוּן דֶער עוֹלָם הָאט גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, נָאךְ אִין דִי זֶעלְבֶּע נַאכְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ קְבוּרָה אוּן ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט זִיךְ אַלֵיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דִי קְבוּרָה אוּן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ זָאגְן יֶעדְן יוֹם כִּפּוּר "קַדִישׁ" נָאכְן "פָּרִיץ דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה".

# דֶער מוֹהֵל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר

דֶער רֶבִּי פוּן קוּזְמִיר ר' יְחֶזְקֵאל זי"ע הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' מֹשֶׁה לֶמְבֶּערְגֶער דֶער ר' מֹשֶׁה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן בֵּיי דִי אַכְסַנְיָא וואוּ עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען "מֶעד" (מֶעד אִיז אַ גוּטֶע טְרוּנְק וָואס מֶען מַאכְט פוּן הָאנִיג וָואס מֶען הָאט דָאס גֶעטְרִינְקֶען וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן לְחַיִּים).

דִי מֶעד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גִישְׁמַאק אַז ר' מֹשֶׁה הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלֶעכֶע גוּטֶע מֶעד אִין זַיין לֶעבְּן הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט קוֹיפְן פוּן דִי גוּטֶע מֶעד פַאר זַיין רֶבִּי ר' יְחֶזְקֵאל פוּן קוּזְמִיר אַלְס אַ מַתָּנָה וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן וֶועג.

ר' מֹשֶׁה הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעלְט פוּן זַיין טַאשׁ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא עֶר זָאל גֵיין קוֹיפְן צְוַואנְצִיג פְלֶעשֶׁער פוּן דִי גוּטֶע מֶעד וַוייל עֶר וִויל דָאס גֶעבְּן פַאר זַיין רֶבִּי אַ מַתָּנָה.

דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא אִיז גֶעגַאנְגֶען דָאס קוֹיפְן אָבֶּער עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, וַוייל יֶענֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט פוּן דִי גוּטֶע מֶעד.

אֶפְשָׁר וִויל עֶר מֶען זָאל אִים בַּאצָאלְן מֶער גֶעלְט – הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעזָאגְט צוּם בַּעַל אַכְסַנְיָא – אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן מֶער גֶעלְט וֶועט עֶר יָא פַארְקוֹיפְן פוּן דִי גוּטֶע מֶעד.

ר׳ מֹשֶׁה הָאט אַרױסגֶענוּמֶען נָאךְ גֶעלְט אוּן דָאס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם בַּעַל אַכְסַנְיָא בֶּעטְנְדִיג עֶר זָאל פְּרָאבִּירְן נָאכְאַמָאל צוּ גֵיין אֶפְשָׁר װֶעט עֶר אִים דָאךְ גֶעבְּן פוּן דִי גוּטֶע מֶעד.

אָבֶּער דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא קוּמְט צוּרִיק דִי צְוֵוייטֶע מָאל אוֹיךְ מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, עֶר זָאגְט אַז יֶענֶער אִיד װָאס פְלֶעגט פַארְקוֹיפְן דִי מֶעד זָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט פוּן דִי גוּטֶע מֶעד.

הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה מַחֲלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר װֶעט אַלֵיין אַרָאפּ גֵיין צוּם סוֹחֵר פוּן דִי מֶעד אוּן בֶּעטְן בֵּיי אִים גָאר שְׁטַארְק אַז עֶר װִיל קוֹיפְן פוּן דִי מֶעד פַאר זַיין רֶבִּי פוּן קוּזְמִיר אֶפְשָׁר װֶעט עֶר אִים גֶעבְּן.

װֶוען ר׳ מֹשֶׁה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם סוֹחֵר װָאס הָאט פַארְקוֹיפְט דִי מֶעד הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אַסאךְ מֶענְטְשְׁן עֶסְן אַ גְרוֹיסֶע סְעֻדָּה אוּן עֶס שְׁפִּילְט מוּזִיק.

הָאט דֶער חָסִיד ר׳ מֹשֶׁה הָאט אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם סוֹחֵר װָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער הוֹיפְּט פוּן דִי שִׂמְחָה, װֶוען עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן הָאט עֶר זִיךְ קוֹים צוּגֶעשְׁטוּפְּט בִּיז צוּ אִים.

דֶער חָסִיד הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן בַּיים סוֹחֵר אַז עֶר װִיל אַהֵיים טְרָאגְן פַאר זַיין רֶבִּי׳ן פוּן דִי גוּטֶע מֶעד, עֶר װֶעט בַּאצָאלְן װִיפִיל מֶען װֶעט בֶּעטְן פוּן אִים אֲפִלּוּ פַאר אַבִּיסְל מֶעד.

הָאט דֶער סוֹחֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט פוּן דִי מֶעד אוּן עֶר װֶעט קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט הָאבְּן פוּן דִי גוּטֶע מֶעד, אַז דִי װִילְסְט זָאגְט עֶר פַאר ר׳ מֹשֶׁה װֶעל אִיךְ דִיר פַארְצֵיילְן

פַארְוָואס אִיך וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן פוּן דִי גוּטֶע טְרִינְק.

אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה: דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹהֵל, אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט אִים גֶערוּפְן צוּ אַ בְּרִית אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, נִישְׁט קַיין חִלוּק וִוי וַוייט עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין דֶער עִקָר אִיז אַז מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן אַ בְּרִית פַאר אַ אִידִישֶׁער אִינְגְל.

אֵיינְמָאל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִינְדֶערְפְרִי קְלַאפְּט אוֹיף דִי טִיר פוּנֶעם מוֹהֵל אַ דָארְף'ס מֶענְטְש, דֶער מוֹהֵל הָאט גְלֵייך גֶעזֶעהְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְש אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ אוּן נִישְׁט אַ עֶרְלִיכֶער מֶענְטְש.

וֶוען דֶער מוֹהֵל הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר וִויל הָאט דֶער דָארְף'ס מֶענְטְש גֶעזָאגְט אַז הַיינְט וֶוערְט זַיין אִינְגְל אַכְט טָאג אוּן מֶען דַארְף אִים מַאכְן אַ בְּרִית.

הָאט דֶער מוֹהֵל אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי עֶר וואוֹינְט, הָאט דֶער דָארְף'ס מֶענְטְש גֶעזָאגְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם דָארְף, הָאט דֶער מוֹהֵל פַארשְׁטַאנֶען אַז עֶר וואוֹינְט זֵייעֶר וַוייט אוּן עֶס דוֹיעֶרְט אַפָּאר שָׁעָה בִּיז עֶר וֶועט דָארְט אָנְקוּמֶען.

הָאט דֶער מוֹהֵל נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין מַאכְן דִי בְּרִית, וֶוען דֶער דָארְף'ס אִיד הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער מוֹהֵל וִויל נִישְׁט גֵיין הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר קוּמְט נִישְׁט וֶועט עֶר נִישְׁט מַאכְן אַ בְּרִית פַאר זַיין קִינְד וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אַ אַנְדֶערְן מוֹהֵל.

עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְט זְכוּתִים – הָאט דֶער מוֹהֵל גֶעטְרַאכְט – זָאל וֶועגְן אִים גֶעשֶׁעהְן אַזַא זַאךְ אַז אַ

מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן אַ בְּרִית פַּאר אַ אִידִישׁ קִינְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַּאר דֶעם דָארְף'ס אִיד אַז עֶר אִיז גְרֵייט צוּ גֵיין.

אָבֶער דֶער מוֹהֵל הָאט גֶעזָאגְט פַּאר'ן דָארְף'ס אִיד זָאל דִינְגֶען אַ פֶּערְד אוּן וָואגְן כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק אָנְקוּמֶען אַהֵיים בַּאצֵייטְנְ'ס.

דֶער דָארְף'ס אִיד הָאט אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַּאר אַ פֶערְד אוּן וָואגְן, הָאט דֶער מוֹהֵל נִישְׁט גֶעהַאט אַ בְּרֵרָה אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּפוּס אַפָּאר שָׁעָה בִּיז יֶענֶע דַארְף.

וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי דָארְף אִיז דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד זִיךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַרְבֶּעט עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוַוארְט אַז דֶער מוֹהֵל זָאל מַאכְן דִי בְּרִית.

וֶוען דֶער מוֹהֵל הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן דִי בְּרִית הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט אִין שְׁטוּבּ.

דֶער מוֹהֵל אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוֹיף דִי גַאס זוּכְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן מַאכְן דִי בְּרִית אָבֶער עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזֶעהְן.

דֶער מוֹהֵל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אַזַא הֵיילִיגֶע צֵייט יֶעצְט אִיז אַ מִצְוָה צוּ עֶסְן אַ סְעֻדָה, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען אוּן אִיךְ בִּין דָא אִין עֶפֶּעס אַ דָארְף וואוּ אִיךְ זֶעה נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן.

עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער זִיצְט יֶעצְט בֵּיי זִיךְ אוּן מֶען טוּהְט דִי מִצְוַת פוּן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אֵיינֶער לוֹיפְט אוּן מִקְוֶה דֶער אַנְדֶערֶער בֶּעט אִיבֶּער וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט א.א.וו.

אוּן דֶער מוֹהֵל שְׁטֵייט אוּן וַוארְט דָא, עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעט עֶס וֶוערְט שׁוֹין בַּאלְד יוֹם כִּפּוּר וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קֶענֶען אַהֵיים גֵיין בִּכְלָל.

פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעהְט דֶער מוֹהֵל פוּן דֶערְוַוייטְנְ'ס עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, לוֹיפְט עֶר שְׁנֶעל צוּ אִים אוּן עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ בֶּעטְן בֵּיי אִים עֶר זָאל אִים קוּמֶען הֶעלְפְּן מַאכְן אַ בְּרִית וִויבַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוּן עֶר דַארְף נָאךְ אָנְקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים.

אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מוֹהֵל הַיינְט אִיז עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִין מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט מִיטְגֵיין מִיט אִים מַאכְן דִי בְּרִית וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען צוּזַאם נֶעמֶען גֶעלְט אַזוֹי וִוי עֶר טוּהְט אַלֶע יָאר עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר.

דֶער מוֹהֵל הָאט מַמָּשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען צוּ דֶעם אִיד אַז עֶר זָאל אִים טוּהְן דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען אַהֵיים פָארְ'ן אוֹיף יוֹם כִּפּוּר.

וֶוען דֶער מוֹהֵל הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן עֶר ווִיל אִים בְּשׁוּם אוֹיפְן נִישְׁט הֶעלְפְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פַאר דֶעם אִיד, וִויפִיל גֶעלְט קֶענְסְטוּ מַאכְן פוּן יֶעצְט בִּיז יוֹם כִּפּוּר הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ גָאלְדֶענֶע רַיינִישׁ.

הָאט דֶער מוֹהֵל צוּגֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד אוֹיבּ עֶר וֶועט קוּמֶען מִיט אִים הֶעלְפְן מַאכְן דֶעם בְּרִית וֶועט עֶר אִים גֶעבְן אַ גָאלְדֶענֶע רַיינִישׁ וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אָנְקוּמֶען אִין זַיין שְׁטָאט.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער מוֹהֵל הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעבֶּעטְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים גֶעבְן דִי גָאלְדֶענֶע רַיינִישׁ הָאט דֶער אִיד מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְּן.

וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִית הָאט זִיךְ דֶער מוֹהֵל זֵייעֶר אַהֵיים גֶעיָאגְט כְּדֵי עֶר זָאל נָאךְ אָנְיָאגְן צוּ עֶסְן דִי סְעֻדָּה הַמַפְסֶקֶת, דֶער אַנְדֶערֶער וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְּן מַאכְן דִי בְּרִית אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז דֶער מוֹהֵל זָאל אִים בַּאצָאלְן דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט דֶער מוֹהֵל גְלֵייך בַּאצָאלְט דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, נָאכְדֶעם וָואס דֶער אִיד הָאט בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט זָאגְט עֶר פַארְ'ן מוֹהֵל יֶעצְט גִיבּ מִיר צוּ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל מֶעד.

זָאגְט אִים דֶער מוֹהֵל וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר יֶעצְט עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ גַאנְצְן טָאג פַארְבְּרֶענְגְט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט לָאז מִיר אָפּ יֶעצְט.

דֶער אִיד הָאט אָבֶער נִישְׁט מְוַתֵּר גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעמוּטְשְׁעט אַז עֶר וִויל מֶעד, דֶער מוֹהֵל הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ בְּרֵירָה אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל מֶעד.

וֶוען דֶער אִיד הָאט בַּאקוּמֶען דִי מֶעד הָאט עֶר נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מוּטְשֶׁען דֶעם מוֹהֵל. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מוֹהֵל יֶעצְט פִּיל אָן אוֹיךְ פַאר דִיר אַ גְלָאז מֶעד אוּן מֶען וֶועט מַאכְן אַ לְחַיִּים צוּזַאמֶען אוֹיף דִי מֶעד.

דֶער מוֹהֵל הָאט דֶעמָאלְטְ'ס זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף דֶעם אִיד, דַיין חֻצְפָּה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס עֶס אִיז מַמָּשׁ אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ דִי וֵוייסְט אַלֵיין וָואסְפַאַרְא שֶׁוֶוערֶע עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, עֶר מִיר אוֹיף צוּ מוּטְשֶׁען, טְרִינְק זִיךְ אַלֵיין דִי מֶעד אוּן לְאָמִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן טָאג.

הָאט דֶער אִיד צוּרִיק גֶעעֶנטְפֶערְט פַאר דֶעם מוֹהֵל טַאקֶע הַיינְט עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְט צוּ טוּהְן מִצְוֹת טוּה אַ מִצְוֶה מִיט אַ אִיד אוּן מַאךְ מִיט אִים אַ לְחַיִּים אוֹיף אַבִּיסְל מֶעד.

דֶער מוֹהֵל הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵרָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט מַאכְן אַ לְחַיִּים מִיט דֶעם אִינְטֶערֶעסַאנְטְן אִיד.

בֵּיידֶע צוּזַאמֶען הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי מֶעד אוּן זִיךְ גֶעוְואוּנְטְשׁ'ן לְחַיִּים, בִּשְׁעַת וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוְואוּנְטְשׁ'ן אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשׁ יָאר הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַארְ'ן מוֹהֵל: אִין מַיין גְלָאז אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַבִּיסְל מֶעד, זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז בִּיז וֶוען דִי וֶועסְט חֲתֻנָּה מַאכְן דַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד זָאל אֵייבִּיג זַיין בֵּיי דִיר וִויפִיל מֶעד דִי וֶועסְט דַארְפְן, אוּן עֶס זָאל זַיין זֵייעֶר גִישְׁמַאק, אוּן דֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער אִיד אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן.

דִי בְּרָכָה אִיז טַאקֶע מְקֻיָּם גֶעוָוארְן, בֵּיי דֶעם מוֹהֵל אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶעד, אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֵּיי אִים קוֹיפְן מֶעד וַוייל עֶס הָאט גֶעהַאט מַמָּשׁ אַ טַעַם גַּן עֵדֶן.

דֶעמָאלְטְ'ס וֶוען ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעוָואלְט קוֹיפְן פַאר זַיין רֶבִּי פוּן קוּזְמִיר פוּן דִי גוּטֶע מֶעד אִיז גֶעוֶוען דִי טָאג וָואס דֶער מוֹהֵל הָאט חֲתֻנָּה גֶעמַאכְט זַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד, הָאט עֶר אִים שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְקוֹיפְן וַוייל עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי בְּרָכָה פוּן יֶענֶעם אִינְטֶערֶעסַאנְטְן אִיד.




די בילדער איז גענומען פון די ביכל:

# "א הילף פאר דעם קינד"